ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת ויגש

אידיש

**511**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק אחד-עשר

**• ויגש •**

אין דעם פרק ווערט ערקלערט די מעלה פון דער תורה, און ווי אַזוי די חכמים האָבן אַלץ דערגרייכט דורך די תורה, און די סיבה פאַר די שנאה פון אַן עם הארץ צו דעם תלמיד חכם

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס״ד

# אינהאלט
## פון עלפטער פרק


**א.** די מעלות פון לערנען תורה, וואָס דערלייכט די נשמה פון דעם מענטש און דערוייטערט אים פון אַלעם שלעכטן.....ג

**ב.** אַ טעם פאַרוואָס די תלמידי חכמים זענען געקליידעט מיט צעריסענע מלבושים, און אַז דאָס איז דער גורם פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן זיי פיינט.....ד

**ג.** כל זמן דער גוף ווערט גרייניגט דורך תורה, ווערט גרעסער די ליכטיגקייט פון דער נשמה, און דער תלמיד חכם, אויב מען פאַרשעמט אים צוליב דעם, וועט ער פאַרטראָגן די פאַרשעמונג. - אַ משל אויף דעם.....ה

**ד.** אַן עם הארץ וואָס האָט חרטה אויף זיינע מעשים, וועט דער תלמיד חכם אים מכבד זיין. אָבער אויב עמי הארץ פאַרשעמען די תלמידי חכמים, טאָר מען זיך נישט חנפ'ענען צו זיי, און יעדער איינער וואָס חנפ'עט זיך צו זיי ברענגט שלעכטס אויף די וועלט.....ה

**ה.** אַ סאַך טעמים פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן פיינט די תלמידי חכמים.....ו

**ו.** עס זענען דאָ ערליכע עמי הארץ, וואָס האָבן ליב תלמידי חכמים און אונטערשטיצן זיי - אַ סאַך סיבות פאַר דעם - אַ סימן צו דערקענען אין אַן עם הארץ מכח וועלכע סיבה ער איז אַ חסיד.....ח

**ז.** די מעלה פון די שבטים וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אַ מינוט פון זייער לערנען תורה.....ט

**ח.** אַן עם הארץ זאָל גיין אין שבת און אין יום טוב צום בית המדרש צו הערן דברי תורה, און ער זאָל דערציילן פאַר זיינע בני בית וואָס ער האָט געהערט.....י

**ט.** די רייד פון אַ מויל מאַכן צוויי פאַרקערטע פעולות: עס רייניגט די לופט, און עס פאַרפעסטעט די לופט און שעדיגט די מענטשן - צוויי ראיות אויף דעם.....י


❖ ❖ ❖

# פרק אחד-עשר

## די מעלות פון לערנען תורה, וואָס דערלייכט די נשמה פון דעם מענטש און דערוויייטערט אים פון אַלעם שלעכטן

**א. יום המעונן,** אין דעם וואָלקענדיגן טאָג ווען רעגן גייט, איז דער מענטש אַביסל אין מרה שחורה, ווייל דער טאָג איז רעגן און דונערן און בליצן. כאָטש ער ווייסט, אַז דער רעגן טוט מאַכן וואַקסן תבואה און פירות און בליאונג פוןביימער און דערנאָך קערט צוריק די זון און שיינט אויף דער ערד, פונדעסטוועגן איז ער פאָרט טרויעריג אין דער צייט פון וואָלקנס.

**מכאן,** פון דאַנען דאַרף אַ מענטש זיך אַ ראיה נעמען, צו טראַכטן דעם צער און די דאגה וואָס וועט אים דערגרייכן, ווען די טעג וואָס זענען נאָענט פאַר זיין טויט וועלן קומען, ובפרט דער טאָג וואָס ער דאַרף אין אים שטאַרבן, דאַרף ער דאָך פאַרשטיין וואָס פאַראַ טרויעריגקייט און זיפצונג וועט זיין נשמה דעמאָלט פילן.

**לכן,** כדי ער זאָל אַרויסגיין פון דער דאָזיגער פינצטערקייט צו ליכט, איז נאָר דורך תורה לערנען וואָס זי ווערט גערופן ליכט און מעשים טובים און צדקה, און זי וועט לייכטן צו דעם מענטש אויך ווען ער וועט ליגן אין קבר, ווי דאָס ליכטיגקייט און גלאַנץ פון הימל.

**הלא,** דו קענסט זען בחוש דאָס ליכטיגקייט פון דער תורה, אַז ווען אַ מענטש איז מחדש עפּעס אין דער תורה קומט אַ שמחה אין זיין האַרץ, ווייל די תורה וואָס ער האָט מחדש געווען גייט אין זיין האַרץ אַריין און אַזוי ווי דורך ליכטיגקייט קען דער מענטש זיך מציל זיין פון שטרויכלונג, אַזוי אויך די תורה מאַכט לייכטן די אויגן מציל צו זיין פון גיהנם און צו זען אין דער אייביגער ליכט, און לערנט אים די זאַכן וואָס ברענגען שטאַרקייט צו זיין נשמה און צו זיין גוף צו קענען דינען זיין באַשעפער.

**שהרי,** ווייל איך זע דאָך, אַז די תורה איז מזהיר, דאָס זאָלסטו יאָ עסן און דאָס נישט, ווי אַ דאָקטאָר זאָגט אָן דעם חולה דאָס און דאָס זאָלסטו נישט עסן, ווייל עס וועט דיר שאַטן, אַזוי אויך די תורה דערווייטערט אים פון אַזאַ עסן וואָס שאַדט, און זי גענעגט צו אים אַזאַ עסן וואָס איז געזונט פאַר זיין נשמה און פאַר זיין גוף. און אַז דו וועסט דאָס געדענקען וועסטו זיך באַהעפטן אין תורה שבכתב און אין תורה שבעל פה, דו וועסט זען אַז זיי מאַכן דיך טרעטן אין דעם וועג פון לעבן און ראַטעוועט דיך פון טויט.

**אַ טעם פאַרוואָס די תלמידי חכמים זענען געקליידעט מיט צעריסענע מלבושים, און אַז דאָס איז דער גורם פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן זיי פיינט**

**ב. ותראה,** און דו וועסט זען לומדי תורה טראָגן געלאַטעטע קליידער, דער טעם דערפון איז, ווייל אַ טייערע זאַך פאַרדעקט מען אָפט מיט אַ געמיינע דעק, כדי עס זאָל דערין קיין עין הרע נישט שולט זיין. אָבער דער וואָס האָט שכל פאַרשטייט וואָס עס ליגט אונטער דער דעק. אַזוי אויך דער תלמיד חכם, לעתיד לבא וועט ער אָפּטאָן די דעק פון זיך און וועט לייכטן זיבן מאָל אַזויפיל ווי די ליכט פון דער זון.

**ומשם,** און דערפון קומט עס, אַז דער רשע וואָס לייקנט אין השם יתברך עפנט זיין מויל און איז מבזה די תלמידי חכמים, ווייל ער זעט נאָר די צוריסענע קליידער וואָס איז אויף אים, אָבער נישט די טייערע כלי וואָס איז אונטער דער דעק.

**כל זמן דער גוף ווערט גערייניגט דורך תורה, ווערט גרעסער די ליכטיגקייט פון דער נשמה, און דער תלמיד חכם, אויב מען פאַרשעמט אים צוליב דעם, וועט ער פאַרטראָגן די פאַרשעמונג. – אַ משל אויף דעם**

**ג. ואם,** און אויב עס איז דאָ אַ תלמיד חכם וואָס די לצים זענען אים מבזה מחמת ער איז נישט קיין שיינער מענטש, אָדער אַ בעל מום, אָדער ער גייט אין געמיינע קליידער, זאָל ער נישט אַכט געבן אויף דעם, נאָר ער זאָל טראַכטן אַז דאָס אַלץ איז דאָך אויף דער דאָזיגער וועלט וואָס זי איז נאָר אויף אַ קורצע צייט, אָבער דערנאָך וועט ער קומען צום אייביגן לעבן און ער וועט האָבן דריי הונדערט און צען וועלטן, און די קרוין פון תורה ומעשים טובים וועט זיין אויף זיין קאָפּ, און די שכינה וועט רוען אויף אים און זיין פּנים וועט לייכטן פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, און די לצים וועלן פאַרשעמט ווערן.

**וזהו,** דאָס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס מען זאָגט אים, אויב דו וועסט ליידן עטליכע טעג בזיון, די נאַראָנים וועלן שפּעטן פון דיר, וועסטו קומען צו פיל עשירות און גרויס כבוד. נו, אַוודאי דאַרף דער מענטש נישט זאָרגן אויף דעם וואָס ער וועט ליידן די עטלעכע טעג קעגן דער מעלה וואָס ער וועט דערנאָך האָבן.

**אַן עם הארץ וואָס האָט חרטה אויף זיינע מעשים, וועט דער תלמיד חכם אים מכבד זיין. אָבער אויב עמי הארץ פאַרשעמען די תלמידי חכמים, טאָר מען זיך נישט חנפ'ענען צו זיי, און יעדער איינער וואָס חנפ'עט זיך צו זיי ברענגט שלעכטס אויף די וועלט.**

**ד. ואם,** און אַז דער תלמיד חכם וועט זען, אַז די עמי הארצים האָבן חרטה אויף דעם וואָס זיי האָבן פריער קיין תורה נישט געלערנט און גלוסטן צו באַהעפטן זיך מיט די תלמידי חכמים צו הערן תורה פון זיי און געבן פרנסה פאַר זיי, כדי זיי זאָלן קענען לערנען און

זיך טיילן מיט זיי מיטן שכר, ווי זבולון מיט יששכר. דעמאָלט איז דער תלמיד חכם זיי מחוייב ערליך צו האַלטן און אָפּגעבן כבוד צו זיי.

**אמנם,** אָבער אַז די עמי הארצים זענען נישט נוהג כבוד די תלמידי חכמים און די תלמידי חכמים האָבן נישט קיין שום הילף פון זיי און זענען נאָך מבוזה אין זייערע אויגן, זאָל דער תלמיד חכם זיי נישט חנפענען. ער זאָל זיי קיין שום כבוד נישט אָפּגעבן, ווייל דאָס הייסט גלייך ווי ער שטאַרקט די וואָס טוען עבירות און דערצערענען דעם אויבערשטן. ווען די עמי הארצים וועלן זען אַז זיי זענען גערעכנט ווי אַ בהמה אין די אויגן פון די תלמידי חכמים וועלן זיי חרטה האָבן און וועלן זיך משתדל זיין אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען תורה. און דער וואָס חנפ'עט זיך צום עם הארץ וואָס פון אים איז נישט דאָ קיין הילף צו די תלמידי חכמים, דער וואַרפט אַראָפּ די קרוין פון דער תורה און פאַרלעשט איר ליכט, און זיין עונש איז, אַז ער וועט מוזען אָנקומען צו דעם עם הארץ און וועט האָפן צו אים ער זאָל אים געבן און ער וועט פון אים אַרויסגיין מיט ליידיגע הענט.

## אַ סאַך טעמים פאַרוואָס די עמי הארץ האָבן פיינט די תלמידי חכמים

**ה. והנני,** איך האָב געהערט פון אַן עם הארץ פאַרוואָס די עמי הארצים האָבן פיינט די תלמידי חכמים, ווייל די תלמידי חכמים האַלטן אונז נידעריג ווי בהמות, דעריבער האָבן מיר זיי פיינט, ווייל זיי מישן זיך נישט מיט אונז צו עסן, טרינקען און רעדן מיט אונז, און זענען אונז נישט מגלה זייערע סודות התורה. האָב איך געענטפערט אַז דאָס איז ווייל די עמי הארצים מישן זיך נישט מיט די תלמידי חכמים צו הערן פון זיי תורה און זיך אָפּלערנען פון זייערע גוטע מדות. און אויך אַ תלמיד חכם קען זיך נישט מישן מיט אַן עם הארץ אַפילו זיי זאָלן זיין אין איין הויז, ווייל זייער נאַטור איז פאַרשידן ווי ליכטיגקייט און פינצטערקייט.

**וכשם,** און אַזוי ווי דאָס שפּייעכץ פון מויל און די טרערן פון די אויגן און די אומריינקייט פון נאָז איז אָפּגעטיילט איינס פון צווייטן. אַזוי איז נישט מעגליך פאַר אַ תלמיד חכם, אַז זיינע מדות זאָלן זיך אויסמישן מיט די מדות פון עמי הארצים, אַפילו זיי זאָלן זיין אין איין שטוב.

**עוד,** נאָך האָב איך אים געזאָגט, איך וועל דיר מודיע זיין דעם אמת, פאַרוואָס אַן עם הארץ האָט פיינט אַ תלמיד חכם, ווייל די טבע פון מענטש איז, מקנא צו זיין אין זיין חבר׳ס גוטס, און קנאה ברענגט פיינטשאַפט, און ווייל זיי ווייסן אַז די תלמידי חכמים זענען עוסק אין גאָט׳ס דינסט און זענען פאַרזיכערט צו האָבן עולם הבא און זענען קלוג אין אַלע חכמות און קענען אַלע זאַכן פון דער וועלט וואָס זענען אונטער דעם הימל, די סגולות פון טייערע שטיינער,ביימער און שפּראָצונג, בהמות, חיות, עופות און פיש, און ווייסן די טבע פון זיי און צו וועלכע זאַך עס העלפט, און ווייסן חכמות אָן אַ שיעור, דעריבער האָבן זיי פיינט די תלמידי חכמים. אויך איז די שנאה, ווייל די עמי הארצים ווייסן אַז זיי זענען פול מיט עבירות און אַ תלמיד חכם היט אים זיין תורה אָפּ פון עבירות.

**תדע,** זאָלסט וויסן, אַז די עמי הארצים זוכן שטענדיג פעלערן אויף די תלמידי חכמים און רעדן אויף זיי שלעכטץ, און אַז זיי הערן עפּעס אַ שלעכטע זאַך אויף אַ תלמיד חכם, זאָגן זיי אַז דאָס איז געוויס אמת. און וואָס זיי קענען זענען זיי אים מבזה, ווייל זייער יצר הרע רעדט זיי אָן דערצו זיי צו מאַכן זינדיגן, ווען ער זאָגט זיי, אַז דער תלמיד חכם ווייסט דעם כבוד פון אויבערשטן און פונדעסטוועגן ווידערשפּעניגט ער, מכל שכן איר, עמי הארצים, און אייער עונש וועט נאָר ווייניג זיין ווייל איר ווייסט נישט דעם כבוד פון אויבערשטן.

**והודה,** און דער מענטש וואָס איך האָב מיט אים גערעדט האָט מיר מודה געווען און האָט געשוואוירן, אַז דאָס רוב פון די זאַכן

זענען געווען אין זיין האַרץ. אַזוי איז אַוודאי אויך אין די הערצער פון זיינע חברים און וועגן דעם האָבן זיי פיינט די תלמידי חכמים. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים זאָגן וואָס זיין תקנה איז. האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל זיך באַהעפטן צו תלמידי חכמים, הערן תורה פון זייער מויל און זיך לערנען זייערע וועגן. ער זאָל זיי באַדינען לויט זיין יכולת און זאָל זיך מזרז זיין וועגן דעם כבוד פון אַ תלמיד חכם. און אויב ער הערט אַז מענטשן רירן אָן אין זייער כבוד זאָל ער זיך אָננעמען בכל יכולתו און זאָל תמיד רעדן אין זייער שבח און זיך זאָרגן וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו לערנען תורה. דורך דעם וועט ער לערנען צו טאָן מעשים טובים און זוכה זיין צו קינדער און קינד'ס קינדער תלמידי חכמים און זיי וועלן אים ברענגען צום עולם הבא. האָט דער עם הארץ אויף זיך מקבל געווען אַזוי צו טאָן.

**עס זענען דאָ ערליכע עמי הארץ, וואָס האָבן ליב תלמידי חכמים און אונטערשטיצן זיי – אַ סאַך סיבות פאַר דעם – אַ סימן צו דערקענען אין אַן עם הארץ מכח וועלכע סיבה ער איז אַ חסיד.**

**ו. ויש,** עס זענען דאָ עמי הארצים פרומע און זיי האָבן ליב תלמידי חכמים, יאָגן זיך נאָך מצוות, באַגערן צו הערן דברי תורה, געבן געלט צו די תלמידי חכמים זיי זאָלן עוסק זיין בתורה, כאָטש זיי ווייסן נישט ווי אַזוי צו טוהן די מצוות מיט אַלע דקדוקים, דאָך ווערן זיי גערעכנט פאַר מעשים טובים. דאָס קומט ווייל זייערע עלטערן האָבן ליב געהאַט די חסידי ישראל און דאָס קינד ווערט געבוירן נאָך דער מחשבה, און ווען זיי זאָלן געווען עוסק זיין בתורה וואָלטן זיי געווען חכמים און צדיקים און חסידים, נאָר זיי האָבן נישט געלערנט, אָבער עס איז געבליבן אין זיי די גוטע מחשבה, דעריבער זענען זיי פרום און האַלטן בכבוד תלמידי חכמים און זענען מקיים מצוות לויט זייער וויסן לשם שמים.

**ויש,** אַמאָל זענען דאָ עמי הארצים וואָס זענען מקנא אין די מעלות פון די תלמידי חכמים און אין זייער חכמה, און ווייל זיי קענען נישט דערגרייכן צו זייער מעלה, באַהעפטן זיי זיך אין אַנדערע מעשים טובים וואָס זיי קענען יאָ טוהן כדי צו גלייכן זיך צו די תלמידי חכמים. באַגערן צו הערן תורה און זוכן נאָך מצוות. שטיצן אַנדערע זאָלן לערנען און זענען מהנה תלמידי חכמים. האָבן חרטה וואָס זיי האָבן נישט געלערנט און גלוסטן צו האָבן קינדער וואָס זאָלן עוסק זיין בתורה און געבן אויס גרויס געלט דערויף. אָט-די וועלן אויך גרויס שכר האָבן און ווערן מיט דער צייט ווערן רעכטע צדיקים.

## די מעלה פון די שבטים וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אַ מינוט פון זייער לערנען תורה

**ז. הבט,** קוק זיך איין אין די זוילן פון די וועלט וואָס אויף זיי איז געגרונדעט געוואָרן די וועלט, דאָס זענען די צוועלף שבטים. זיי זענען אויך געווען באַהאָפטן אין דער תורה בשעת זייער לייגן און אויפשטיין און ווען זיי זענען געגאַנגען. אַפילו איין רגע האָבן זיי נישט מפסיק געווען פון לערנען, אַזוי ווייט אַז יוסף הצדיק האָט זיי געמוזט מזהיר זיין, איר זאָלט אויף דעם וועג נישט עוסק זיין אין טיפן לערנען, כדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין וועג, ווען זיי וועלן זיך פאַרטראַכטן. ווייל אַקעגן די ליבשאַפט פון תורה איז די טירדא פון וועג און מכל שכן אַנדערע טירדות נישט גערעכנט געווען ביי זיי, עס זאָל מבטל זיין פון לערנען.

**ואף על פי,** כאָטש זיי זענען געווען גרויסע חכמים און האָבן געוואוסט די תורה און די הייליגע סודות, מכל שכן די איבעריגע מענטשן, וואָס זיי זאָלן אַפילו לעבן טויזנט יאָר וועלן זיי נישט דערגרייכן דאָס וואָס די שבטים האָבן דערגרייכט, דאַרף דער מענטש נישט פאַרלירן איין רגע פון תורה לערנען נאָר צו טראַכטן אין איר, ווייל דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן דערויף.

**אַן עם הארץ זאָל גיין אין שבת און אין יום טוב צום בית המדרש צו הערן דברי תורה, און ער זאָל דערציילן פאַר זיינע בני בית וואָס ער האָט געהערט**

**ח. ואדם,** דער עם הארץ זאָל אום שבת און אום יום טוב, אויך אין דער וואָכן אויף איין שעה, גיין אין בית המדרש הערן סיפורים פון אגדתא און דרך ארץ און אויף דער נאַכט זאָל ער דאָס דערציילן זיין ווייב און זיין הויז געזינד. ווען די שכנים זאַמלען זיך צוזאַמען אין די לאַנגע טבת נעכט, זאָל ער רעדן פון די נסים וואָס האָבן זיך געטראָפן אויף דער וועלט, ווייל דאָס ברענגט אים צו באַהעפטן זיך אינעם אויבערשטן. אויב ער ווייסט דאָס אויך נישט, זאָל ער דערציילן פון די אומגליקן וואָס האָבן זיך געטראָפן אויף דער וועלט, דאָס ברענגט צו אונטערטעניגקייט, ער זאָל נישט זינדיגן און זיך דערמאַנען דעם טאָג פון טויט. די דערציילונג פון די זאַכן וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל רייניגט די לופט, אָבער די נאַרישע רייד פאַראומרייניגן די לופט.

**די רייד פון אַ מויל מאַכן צוויי פאַרקערטע פעולות: עס רייניגט די לופט, און עס פאַרפעסטעט די לופט און שעדיגט די מענטשן – צוויי ראיות אויף דעם.**

**ואל,** און עס זאָל דיר נישט שווער זיין, וויאַזוי קען די לופט וואָס גייט אַרויס פון מויל פונעם מענטש טוהן צוויי פאַרקערטע פעולות. ווייל דו קענסט זען דעם דיבור אַליין, אַז אַמאָל טויט ער און אַמאָל מאַכט ער לעבן, דהיינו אַז אַ מלך זאָגט מען זאָל דעם קאָפּ פון דעם מענטשן אַראָפּנעמען, טויט דער דיבור. אָבער אַז ער זאָגט מען זאָל גוטס טוהן דעם מענטש, טוט מען עס תיכף, איז דער דיבור מחיה. אַזוי איז אויך די פּאַרע פון מויל וואָס גייט אַרויס פון דיר דורך דברים בטלים, מאַכט עס אומריין די לופט און עס טויט מענטשן, אָבער די פּאַרע וואָס גייט אַרויס פון דברי תורה און מוסר דאָס מאַכט קלאָר און לויטער די לופט און איז מחיי׳ די וועלט.